פנימי | תשל"ב | בלתי מוגה

# משולחן מלכים

## שיחות קודש שנשמעו מפי כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## מתוך שיחה עם הגאון הגדול דומ"ץ קרית יואל שליט"א ומחותנו הגאון רבי שמעי' גרינבוים שליט"א

**מח"ס סייעתא דשמיא**

אצל שמחת השבע ברכות של נכדם החתן הרב יואל ישראל אלטר נ"י
בן הרב ר' שמואל קליין שליט"א

מוצש"ק פרשת יתרו תשע"ח לפ"ק

**השיחה נסתובבה באותו ענין אשר השמיע מרן רבינו שליט"א בדברות קדשו אצל ס"ג בביהמ"ד הגדול** (הדב"ק במילואו בסוף השיחה)

**דומ"ץ קרית יואל:** את כל התלאה אשר מצאתם בדר"ך, איז עפעס מורא'דיג, דעם דר"ך תשובה הורית, פתחו לי פתח כחודו של מחט, אז די מצרים האבן געוואלט שטערן מיט הרהורי עבירה, דאס איז געווען דער תלאה אשר מצאתם בדר"ך.

**רבינו:** איה הקדש"ה הוא בעינים על הדר"ך (בראשית לח, כא), דער תפארת שלמה אין פ' חיי זאגט דאך אז דאס מיינט מען שמירת עינים, עניני קדושה אויפן וועג, על הדר"ך.[1] איז דאס דער ענין פון כל התלאה אשר מצאתם בדר"ך.

דער זיידע ז"ל אין ייטב פנים זאגט ער אז דאס האט גורם געווען דעם חורבן הבית.

**הגאון רבי שמעי' גרינבוים שליט"א:** דער ייטב לב דערמאנט נישט גארנישט דארט פון די גמרא (יומא ט:) אז דער חורבן איז געווען וועגן עון פון עבודה זרה?

**דומ"ץ קרית יואל:** איך האב דאס שוין געפרעגט מיט אסאך יארן צוריק, פון וואו דער ייטב לב נעמט דעם מקור אז דער חטא האט גורם געווען דעם חורבן.

**רבינו:** דער ייטב לב ברענגט דאס אין ייטב פנים צוויי מאל, איינס איז דא אויף שובבי"ם (מאמר שובו בנים אות י"ב),[2] און איינס איז שלש עשרה מידות (מאמר תוכחת מוסר אות טז).[3] ער טייטשט א מסורה, דריי מאל חוצה.

---

1 וזלש"ק שם: איה הקדשה הוא בעינים על הדרך, פי' איך מגיעין לבחינת קדושה, הוא בעינים על הדרך, ששומר את העינים אף על הדרך לבלתי יפגום בה, עכדה"ק.

2 עי"ש מאמר שובו בנים (אות י"ב) וזלש"ק: מסורה ג' פעמים חוצה, א] לא תוציא מן הבית מן הבשר חוצה (שמות יב מו), יזהיר שלא להוציא זרע לריק מן הבית מן הבשר חוצה, ב] ועצם [מעצמותיכם] לא תשברו בו, כי השובר עצם רפואה קשה למצא, (שמות יב מז) כל עדת ישראל יעשו אותו, כלומר צריכים לאותו דבר שיתקנו חטא זה, (כי בני עליה שלא נכשלו בזה המה מעט מהמעט), על זה אמר (מלכים א' ו) - ג] כי מגרעות ניתן לבית סביב חוצה, כלומר שעל ידי חטא זה נגרע בית מקדשינו, ואז הן אראלים צעקו חוצה (ישעיה לג ז), על חרבנו, על אחת כמה וכמה צריך האדם לעורר לבבו בבכי ותשובה על ענין זה, עד ישיב ה' שבותינו ויקבץ נדחינו, ובמאמר תוכחת מוסר הארכתי בענין זה, ע"כ.

3 וזלש"ק שם (מאמר תוכחת מוסר אות טז): וכבר פירשתי המסורה (שמות יב מו) לא תוציא מן הבית מן הבשר חוצה, ירמוז שלא להוציא ז"ל מן הבשר החוצה, (מלכים א' ו) כי מגרעות ניתן לבית סביב חוצה, שעל ידי חטא זה ניתן מגרעות לבית עד שנחרב, כמבואר בסה"ק. ואז (ישעיה לג ז) הן אראלים צעקו חוצה, כי חורבנו נגע גם אליהם, כי היו נזונים ונהנין מקרבנות הקרבים בבית המקדש, ועתה בעוה"ר חרב בית המקדש ואין לנו לא כהן ולא מזבח ולא קרבן, עד שמלאכי מעלה צועקים ובוכים על זה, ומה נעשה אנחנו אזובי הקיר אשר מידינו היה זאת לנו, וחטאתינו האריכו קיצינו זה יותר מח"י מאות שנה ששמם מקדשינו וניטל כבוד מבית חיינו, אוי נא לנו כי חטאנו, נחפשה דרכינו ונשא אל כפים לבבינו דמעה תרדנה עינינו, חוס ורחם עלינו ועל פליטתינו, ויהיה סוף וקץ לכל צרותינו תחילה וראש לפדיון נפשינו, ע"כ.

דער אור החיים הק׳ אין פרשת פנחס זאגט דאס אויך, אז דער חורבן בית ראשון איז געקומען וועגן דעם.[4]

באמת, ס׳איז דא א ילקוט שמעוני (עמוס, רמז תקמ״ה) וואס זאגט דאס קלאר אזוי, אז דאס איז געווען דער חטא בייס חורבן הבית.

**דומ״ץ קרית יואל:** ס׳איז טאקע א פלא. אבער ס׳איז אלו ואלו דברי אלקים חיים. דאס האט צוגעהאלפן צום חורבן צוזאמען מיטן חטא פון עבודה זרה.

**הגר״ש:** אסאך זאגן דאס, אז אלע זאכן איז געווען פארבינדן מיט עריות, דער שורש איז געווען זיי האבן געוואלט צוקומען צו עריות.

**דומ״ץ קרית יואל:** די גמרא זאגט דאך אזוי דאס לשון דארט אויך אין סנהדרין (סג.) אז זיי האבן וועגן דעם געדינט עבודה זרה.

**רבינו:** יא, ׳לא עבדו עבודת כוכבים אלא להתיר להם עריות בפרהסיא׳. אזוי זאגט דארט די גמרא.

מ׳זעהט דער מדרש זאגט ביי ישמעאל אז ס׳איז היינו הך, (ב״ר נג, יא) ותרא שרה את בן הגר המצרית אשר ילדה לאברהם מצחק, זאגט ר׳ עקיבא מצחק איז גילוי עריות, און דער תנא דבי ר׳ ישמעאל זאגט אז דאס איז אזוי ווי בייס עגל (שמות לב, ו) ויקומו לצחק, דארט מיינט עם עבודה זרה. ביי יוסף שטייט אויך (בראשית לט, יד) הביא לנו איש עברי לצחק בנו, זאגט אויך דער תנא דבי אליהו (יג, א) אז דאס מיינטביידע.

**דומ״ץ קרית יואל:** אונז האמיר יעצט שבת נאכגעזאגט אן אינטערסאנטע אויפטוה פון רבי אפרים זלמן מרגליות, אז אויף עון עבודה זרה נוצט נישט קיין תשובה מאהבה אויך נישט. אזוי ברענגט ער אין תשובת בית אפרים אין די הקדמה.

**והביאו את הספר שו״ת בית אפרים וקרא רבינו מ״ש שם בזה״ל:** ״אמנם מתוך התשובה יש מקום להבחין באיזה אופן היה עשיית החטא שאם עושה תשובה מאהבה מוכח מתוכו שלא עשה מתחילה רק הפקר למעשה נערות כי מי שלהוט אחר בולמס של עבודה זרה לשם אלהות ליתא בחזרה ותשובה מאהבה שהטינא שבלבו מפעפע בו ולחלוחית אמונת עבודה זרה שהאמין תחלה נשאר קיים בו״.

**ואמר רבינו:** ס׳איז דא וואס זאגן אזוי,[5] כ׳האב שוין געזעהן אויך אנדערע וואס זיי זאגן א סברא אז תשובה נוצט אלס עשה דוחה לא תעשה (כמבואר במס׳ יומא פו:), אבער אין עשה דוחה לא תעשה שבמקדש (זבחים צז:) און דאס איז דאך א מרים יד במקדש, וועגן דעם נוצט נישט קיין תשובה פאר עבודה זרה.[6]

**דומ״ץ קרית יואל:** ער זאגט דארט, אז תשובה מאהבה איז דאך דביקות, וועגן דעם נוצט נישט קיין תשובה פאר עבודה זרה (כי חסר לו הדביקות בהשי״ת).

**וקרא מתוך הכתב בשו״ת בית אפרים הנ״ל:** ״ותשובה מאהבה הרי הוא דביקות בה׳, כדכתיב לאהבה את ה׳ אלהיך ולדבקה בו, ואמר הכתוב כי כל האיש אשר הלך אחרי בעל פעור וכו׳, ואתם הדבקים בה׳ וכו׳, ואי אפשר לו רק לעשות תשובה מיראה, כדאשכחן בפרעה כשלקה אמר ה׳ הצדיק, משא״כ מי שמתחלה לא עשה על דרך אמונה, רק לתאוה יבקש נפרד, זה אפשר לו להיות חוזר בלב ונפש ולעשות תשובה מאהבה״.

**דומ״ץ קרית יואל:** און ער ברענגט צו די גמרא (יומא פו.) שובו בנים שובבים, וואס ענטפערט די גמרא, כאן מאהבה כאן מיראה.

---

4 ע״ש בדבריו הק׳ (במדבר כו, יט) שמבאר שסיבת החורבן לבית המקדש ה׳ראשון׳ היתה מענין חטא זה וזלש״ק: גם תמצא שעון שבו מת ער הוא העון עצמו שגרם החורבן, עי״ש.

5 עי׳ בס׳ הגדה של פסח קול אריה (עמ׳ קי״א) שמבאר דלא מהני תשובה לע״ז, וז״ל בשם ס׳ ווי העמודים: אך דמצינו מה שכתבו המפו׳ הטעם דתשובה מהני, דבכל מעשה עבירה ישנו מעשה העבירה גופא וגם מחשבה, כי סוף מעשה במחשבה תחלה, לזאת המ״ע דתשובה שהוא המעשה בפועל ווידוי ותענית הוא דוחה המעשה בפועל של העבירה, ואי בשביל המחשבה הלא בעבירה מחשבה רעה אין הקב״ה מצרפה למעשה, אבל במצות התשובה שהוא ג״ב בלב מחשבה טובה מצרף למעשה, וא״כ נשאר לו ביחוד שכר המחשבה טובה בלבד המעשה.

וזה הטעם מאן דסובר דעל כפירת עיקר ח״ו לא מהני תשובה, דבע״ז גם מחשבה רעה הקב״ה מצרפה למעשה (עי׳ קדושין לט:) כדכתיב למען תפוש ישראל בלבם, וא״כ שוב מעשה ומחשבה כנגד מעשה ומחשבה זה כנגד זה, ולא נשאר שום זכות ועי״ז לא מהני תשובה, וע״כ משני הגמ׳ הם לא עשו אלא לפנים ולא הי׳ עבודתם לע״ז אלא במעשה גרידא ולא במחשבה, ועל המעשה שפיר מהני מצות התשובה דהוא מחשבה ומעשה ביחד ודפח״ח. וכ״כ בס׳ דרושי הצל״ח (דרוש מ״ח).

6 עי׳ בס׳ מאיר עיני חכמים מהגה״ק מאוסטראווצא ז״ל (סי׳ ח׳) וז״ל: ...אמנם תשובה מועיל משום דקיי״ל עדל״ת כדאיתא גדולה תשובה שדוחה ל״ת שבתורה (יומא פו:), אך אם נימא דאין עדל״ת שבמקדש, ממילא ל״מ תשובה גבי חטא של ע״ז, כיון שהרים יד בקדוש ונורא שמו ית׳, כמ״ש המפרשים סמוכים לעד עולם, היינו מה שאנו דורשים סמוכים בכלאים בציצית לעדל״ת (יבמות דף ד׳) לזה פדות שלח לעמו, היינו מה שמועיל תשובה, אבל קדוש ונורא שמו, היינו דבחטא של ע״ז לא מהני תשובה דהוי ל״ת שבמקדש.... עי״ש.

**והמשיך לקרות מתוך לשון הספר בשו"ת בית אפרים הנ"ל:** "ובזה יובן הא דקאמר התם ביומא (פו:) רבי חמא בר חנינא רמי כתיב שובו בנים שובבים, דמעיקרא שובבים אתם וכתיב ארפא משובותיכם, ומשני כאן מאהבה כאן מיראה, ופירש רש"י דמעיקרא שובבים אתם מעלה אני עליכם כאילו תחלת החטא על ידי שטות ונערות, ולפי זה אין מובן כל כך מאי דמשני כאן מאהבה כאן מיראה, ועיין מהרש"א שם, ולפי דברינו אלה יומתק הענין דהכי פירושו, כאן מאהבה] שאז נאמר בו בנים שובבים, דמעיקרא שובבים אתם דודאי תחלת החטא על כרחך היה דרך שטות ונערות דבהפקירא ניחא ליה ולא לאמונה, משא"כ בתשובה מיראה אמר ארפא משובתם מכאן ולהבא לבד, דבשעת מעשה אפשר שהיה דרך אמונה רק מחמת יראת העונש הוא חוזר, ובזה מבואר ג"כ מ"ש שם גדולה תשובה שמגעת עד כסא הכבוד, דהיינו בתשובה מאהבה, משא"כ בתשובה מיראה אז עד ולא עד בכלל, כדאשכחן גבי מנשה (סנהדרין קג) שחתר לו חתירה מתחת כסא הכבוד".

**רבינו:** אבער ס'זעהט זיך אויס אז ס'נוצט יא תשובה, ווייל מ'זעהט אז דער שר של מצרים האט געטענה'ט הללו והללו עובדי עבודה זרה, און ס'שטייט 'ופרעה הקריב' זאגט דער מדרש 'הקריב את לבם לאביהם שבשמים', אז די אידן האבן תשובה געטוהן, און ס'האט גענוצט תשובה, זעהט מען אז ביי עבודה זרה נוצט אויך תשובה.[7]

**דומ"ץ קרית יואל:** תשובה מיראה נוצט יא, דער בית אפרים רעדט נאר פון תשובה מאהבה, ער זאגט אליין אז תשובה מיראה נוצט כמו בפרעה, אבער תשובה מאהבה נישט, ווייל די טומאה פון עבודה זרה קען קיינמאל נישט ארויס גיין פון אים, און דער מענטש קען נישט טוהן תשובה מאהבה.

**רבינו:** דער של"ה הק' (מסכת יומא פרק נר מצוה) זאגט אז ס'איז דא א מחלוקת צי עס נוצט תשובה אויף עבודה זרה, און ס'איז תלוי אינעם פסוק (תהלים צ, ג) תשב אנוש עד דכא ותאמר שובו בני אדם, דכ"א איז ראשי תיבות די דריי עבירות החמורות ד'ם [שפיכת דמים] כ'פירה [עבודה זרה], א'שה [גילוי עריות], און ס'שטייט שוין פון פריערדיגע (סמיכת חכמים בהקדמה למסכת ברכות) אז דאס ווענדט זיך אין דעם, אויב זאגט מען 'עד ולא עד בכלל' איז תשב אנוש 'עד' דכא, נאר ביז דכ"א, און אויף דעם נוצט נישט קיין תשובה, טאמער זאגט מען 'עד ועד בכלל' נוצט אויף יעדע זאך תשובה. (ועי' בכתנות אור פ' וילך).

**הגר"ש:** אין רא"ש על התורה שטייט א מורא'דיגע זאך, מ'פרעגט פארוואס דתן ואבירם לא מתו בשלשת ימי אפילה, זיי זענען דאך געווען רשעים, בפשטות זענען געשטארבן אלע רשעים עובדי עבודה זרה, איז וואס זענען יענע געווען, אז זיי זענען נישט געשטארבן, איז דא א מורא'דיגער רא"ש – און אזוי זאגן אויך די בעלי התוספות – ער זאגט ווייל יענע האבן מצפה געווען לגאולה, זענען זיי אויסגעלייזט געווארן אפילו זיי זענען געווען עובדי עבודה זרה, אבער די אנדערע זענען נתייאשו מהגאולה, 'וכן גם יהיה לעתיד לבוא' אז די וואס וועלן זיך מייאש זיין פון די גאולה וועט פון זיי גארנישט בלייבן, אפילו ס'איז ח"ו א דור שכולו חייב אבער אויב מ'איז נאך מצפה לגאולה וועט מען נאך צו עפעס זוכה זיין.[8]

ווען דעם האט דער רבי ז"ל אזויפיל פארפירט מ'זאל כאטש האפן צו ביאת המשיח, אפילו מ'זאל זיין ווי געמיין מ'זאל נישט זיין, מ'איז געווען א דור שכולו חייב, מ'האט אבער מצפה געווען לגאולה, מ'האט נישט אויפגעגעבן די אמונה, די זענען געווען וואס האבן געשלעפט דעם פסל מיכה, אבער זיי האבן געוואלט און געהאפט ארויסצוגיין פון מצרים.

**רבינו:** ס'איז טאקע אזוי מדויק אויך דאס לשון אין רש"י, ווייל רש"י זאגט דעם לשון 'שהיו בישראל באותו הדור רשעים "ולא היו רוצים לצאת" ומתו בשלושת ימי אפלה', איז דער פשט אז זיי האבן נישט מצפה געווען ארויסצוגיין פאר דעם זענען זיי געשטארבן.

אבער איך האב אמאל געזעהן ברענגן, אז באמת זענען זיי נישט געשטארבן ווייל זיי האבן טאקע נישט געוואוסט דעם סוד אז מ'גייט ארויס אינגאנצן לחירות עולם, מ'האט זיי

---

7 ועיי' בדברי יואל פ' מצורע דף תמד ע"א, ד"ה עוד יש טעם למה שנקרא שבת הגדול, מה שביאור שם רביז"ל.

8 וז"ל הרא"ש בס' משנת הרא"ש (פר' בא) ויהי חשך אפלה וגו' שלשת ימים, יש לשאול מאי שנא שמתו כל הרשעים בתוך שלשת ימי אפלה, (כן איתא בתרגום יונתן בן עוזיאל להלן פסוק כג, ובמכילתא בא פסקא יב ובתנחומא (וארא יד), ודתן ואבירם לא מתו אף שהיו רשעים גמורים, יש לומר אף על פי שהיו רשעים, לא נתייאשו מן הגאולה.

[וז"ל המדרשים הנ"ל לפי שהיו פושעים בישראל שהיה להן פטרונין מן המצריים והיה להן שם עושר וכבוד ולא היו רוצים לצאת, אמר הקב"ה אם אני אביא עליהן מכה בפרהסיא וימותו, יאמרו המצריים כשם שעבר עלינו כך עבר עליהן וגו'], עכ"ד.

דאס נישט אויסגעזאגט, זיי האבן נאך געהאלטן ביי דעם וואס משה רבינו האט געזאגט פאר פרעה אז מ'גייט ארויס אויף דריי טעג, דרך שלשת ימים נלך במדבר ונזבחה לה' אלוקינו, ווייל זיי זענען געווען מוסרים, זיי האבן דאך נאך משה רבינו פאר'מסר'ט פאר פרעה, האט מען זיי נישט אויסגעזאגט, דאס זאגט שוין באמת דער אלשיך. און ס'איז מדויק אזוי וואס דער אויבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, דבר נא באזני העם וישאלו, וואס איז דער 'באזני' העם, נאר דאס איז פארבליבן א סוד די גאנצע צייט ביי אידישע קינדער און זיי האבן דאס נישט אויסגעזאגט. איז ווייל זיי [דתן ואבירם] האבן פון דעם נישט געוואוסט זענען זיי נישט אינעם כלל פון די אלע וואס האבן נישט געוואלט ארויס גיין, ווייל אויף דריי טאג האבן זיי מסכים געווען ארויסצוגיין, געשטארבן זענען נאר די וואס האבן נישט געוואלט ארויס גיין, במילא זענען זיי נישט געשטארבן. אזוי האב איך אמאל געזעהן שטיין.[9]

**דומ"ץ קרית יואל:** ס'איז דא אסאך תירוצים אויף די קשיא פאר וואס זיי זענען נישט געשטארבן ביי די ששת ימי אפילה.

**רבינו:** יא, אלע שטעלן זיך אויף דעם.

דער חתם סופר זאגט זיי זענען געבליבן לעבן, ס'זאל קענען געשעהן דער נס פון ותפתח הארץ את פיה, ביי די מעשה פון קרח, ווייל דער פי הארץ איז דאך שוין באשאפן געווארן בין השמשות ביי ששת ימי בראשית.[10]

**הגר"ש:** די כלה איז דאך אן אייניקל פונעם בית אפרים.

**דומ"ץ קרית יואל:** יא אוודאי.[11]

**ונתכבד רבינו לברך על המזונות**

**ופנה רבינו להגאון רבי שמעי' שליט"א, ואמר:** איר דארפט קומען אינדערפרי זעהן אין היכל התורה [בבנין ביהמ"ד הגדול], דא שטייט מען אויף פריה פארטאג'ס דא אין קרית יואל.

**הגר"ש:** אמאל איז פארטאגס געווען א זמן פאר לימוד התורה, בחורים בעלי בתים זענען געקומען אין ביהמ"ד לערנען, אלע שיעורים זענען געווען פארטאגס אינדערפרי, ס'איז היינט איבעראל זייער געפאלן, ס'איז נאך דא וואס קומען, אבער סך ווייניגער.

**דומ"ץ קרית יואל:** איר וועט קומען דאהי פיר אזייגער פארטאג'ס אין ביהמ"ד וועט איר זעהן אסאך הונדערטער אידן לערנען.

**הגר"ש:** ס'איז היינט אנדערש ווי אמאל, אין שטאט איז אפען גראסערי'ס א גאנצע נאכט, מ'דארף זיך נישט יאגן צו קויפן מילעך מ'זאל האבן אינדערפרי, מ'קען ביז שפעט קויפן, די נעכט זענען היינט שפעטער, לייגט מען זיך שפעט.

**רבינו:** דא אין קרית יואל איז עלף אזייגער שוין גארנישט דא.

**הגר"ש:** איין שעה פארטאג'ס איז דאך ווערד מעהר ווי דריי שעה אינמיטן טאג, צי אפילו מער, כידוע.

**רבינו:** דא ביי אונז לייגט מען זיך פריה און מ'שטייט אויף פארטאג'ס, הונדערטער אידן, אסאך הונדערטער אידן. איר מעגט דאס זעהן.

מ'זעהט דאס נישט אין ערגעץ, נישט אין ארץ ישראל און נישט אין אייראפע, אין ארץ ישראל איז אויך געפערליך, ממש ס'איז עק וועלט מיט דעם, אויך די זעלבע זאך מ'פארשוועדעט די נעכט.

**וכיבדו את רבינו לברך על היין**

**וישאל רבינו:** דאס איז וויין אדער בראנפן?

**דומ"ץ קרית יואל:** ס'איז גרעפ דזשוס.

**רבינו:** יא, כ'מיין דאס צו פרעגן, צי ס'איז א 'בורא פרי הגפן'.

אינטערעסאנט, מצוות צריכות כוונה ווערט אריין געדרייט אין די סוגיא פון בורא פרי הגפן, דער רשב"ם דארט ביי פתח בחמרא וסיים בשיכרא (ברכות דף יב.), ברענגט דארט אז ער האט געמיינט אז ס'איז א צווייטע זאך, האט ער אינזין געהאט דאס נישט צו טרינקען.[12]

---

9 כן מתאמרי בשם הגה"ק רבי יעקב יוקל הורוויץ ז"ל מגלאגוב זקינו של הרה"ק מראפשיץ ז"ל. מובא בספר עדות ביהוסף עה"ת מהגאון רבי יוסף איטינגער ז"ל ששמע זאת מהגה"ק הנ"ל כשהי' אב"ד בראד.

10 עי' בחתם סופר פ' פנחס (ד"ה הוא דתן) וז"ל שם: הוא דתן ואבירם וגו' ויהיו לנס. פי' כי דרשו חז"ל (מגילה יא.) הוא דתן ואבירם ברשעם מתחילתן ועד סופן כי הם שני אנשים נצים במצרים, הם שאמרו למשה ירא ה' עליכם וישפוט, וקשה א"כ מ"ט לא מתו במצרים בשלשת ימי אפילה שמתו כל אותן שהי' מקטני אמנה ומ"ט לא מתו דתן ואבירם עמהם, לזה אמר ויהיו לנס שנשארו להיות הנס של בליעת הארץ על ידם, שהרי פה הארץ כבר נברא בין השמשות וקרח לא נבלע חיים אלא אחר שכבר נשרף עם ר"ן איש אך דתן ואבירם הם שנבלעו חיים עם בתיהם וכל אשר להם ויהיו הם לנס עמים.

11 המחותן אבי הכלה הרב חיים יחזקאל שליט"א בנו של הגאון הדומ"ץ שליט"א הוא חתן הגה"צ ר' אלכסנדר אשר מרגליות שליט"א דומ"ץ קהל אהל משה בעיר וויען יצ"ו, נכד הגאון בעל שו"ת בית אפרים ז"ל

12 עיין בחי' הר"ן (על הרי"ף ר"ה ז.) וז"ל: כתב רבינו שמואל ז"ל דאע"ג דאמרינן מצות אין צריכות כונה הני מילי בסתם אבל במתכוין שלא לצאת אינו יוצא, דאי לא תימא הכי תקשי לך הא דאבעיא לן פ"ק

**וּבירך רבינו להחתן:** לחיים חתן, דער אויבערשטער זאל העלפן דער זיווג זאל עולה יפה זיין, ס'זאל זיין א קשר של קיימא א בנין עדי עד, הונדערט און צוואנציג גליקליכע יארן מיט נחת און שמחה תמיד.

**ואיחל רבינו לדומ"ץ קרית יואל:** לחיים, דער אויבערשטער זאל העלפן אסאך תענוג ונחת מיט געזונט, פון די קינדער און אייניקלעך און אור אייניקלעך... הם ונשיהם ובניהם ובנותיהם.

**ואיחל רבינו להגאון רבי שמעי':** לחיים, דער אויבערשטער זאל העלפן אריכת ימים ושנים, קענען זיצן על התורה ועבודה מתוך נחת ושמחה, ברכה והצלחה מיט פרייליכע הערצער אלעמאל.

*

**דומ"ץ קרית יואל:** מ'האט אויך פריער ארום געשמועסט דא וועגן מתן תורה, ס'איז געווען כפה אליהם הר כגיגית, וואס די קידושין איז געווען, צי די קידושין איז געווען די ביזת מצרים, ביזת הים.

**רבינו:** ס'איז א גרויסער מדובר איבער דעם.

דאס וואס ס'איז געווען כפה עליהם ההר (שבת פח.) איז בפשטות געווען די חופה, די לוחות איז געווען קידושי שטר, און ביזת הים איז געווען קידושי כסף. אין ייטב לב שטייט אזוי.[13]

ס'איז דא וואס נעמען אהן אז דער משכן – די יריעות – איז געווען די חופה, ס'איז א מחלוקה פון מהרש"א (כתובות ז:) מיטן הפלאה (שם, ובהקדמה לספר המקנה עמ"ס קידושין) וועלכע זאך איז געווען די חופה. דער מהרש"א זאגט אז דער משכן איז געווען די חופה,[14] און דער הפלאה ברענגט אראפ אז די חופה איז געווען כפה עליהם ההר כגיגית.[15]

באמת איז דא א שטיקל ראי' צום מהרש"א, רש"י זאגט אין פ' נשא (ז, א), ויהי היום כלות משה ללהים את המשכן, זאגט רש"י 'ככלה הנכנסת לחופה'.

אבער כ'האב שוין אמאל געטראכט, אז די ביזת הים זאל זיין קידושין איז עס ווי 'טלי קידושין על גבי קרקע' אזוי ווי די גמרא זאגט ביי גט (גיטין עח.), ס'איז דא א גרויסער מדובר צי ס'נוצט קידושין ווען מ'זאגט טול מעל גבי קרקע, ס'איז א גרויסע שאלה אין די אחרונים.[16]

---

דברכות (דף יב.) היכא דנקט כסא דשיכרא בידיה וקסבר דחמרא הוא פתח בדחמרא ופרש"י אדעתא דתמרא וסיים בדשיכרא מאי בתר פתיחה אזלינן או בתר חתימה ולא איפשטא ואמאי לא איפשטא נפשוט דיצא דמצות אין צריכות כונה אלא שמע מינה דאע"ג דאין צריכות כונה במתכוין שלא לצאת לא יצא והתם הרי הוא נתכוין שלא לצאת בשכר אלא ביין. ולפי זה כתב הרב ז"ל שזה הוא שנהגו להבדיל בבית אע"פ ששמעו כל בני הבית הבדלה בבית הכנסת לפי שנתכוונו שלא לצאת שם ואני אומר דכיון דבעינן מיהא כוונת משמיע להשמיע מטעמא אחרינא מצוה למעבד הכי משום דהא צריכין למימר בהיה עובר אחורי בהכ"נ דבש"צ עסקינן דדעתיה אכוליה עלמא ובודאי שאין דעתו להשמיע אלא מי שירצה לשמוע אבל להשמיעם כדי להוציאם בעל כרחם לא נתכוין שהרי אינו אלא שלוחם.

13 ע' בייטב לב פ' בא, וזלש"ק: ע"כ נראה לי דדין גמור הוא לגאלינו גאולה שלימה כדין בעל, אף שכבר גאלנו וגאל אבותינו ממצרים, והרי הבעל אינו מחויב לפדות כ"א פעם אחד, הכא שאני, כי בשעה שהוציאנו ממצרים לא היה אז כנסת ישראל נשאת לבעל כביכול, כי היה קודם מתן תורה, דאז קידש אותנו כביכול או בכסף ביזת הים, או בשטר הן הלוחות, וכפה עליהם הר כגיגית כדין חופה, ואז היה הנשואין, עי"ש כל הענין.

14 ע' שם לשון המהרש"א: "...וז"ש דהוא מקדש לו ג"כ עמו ישראל בדוגמא זו בקדושין שהיא נתינת התורה כמ"ש אל תקרי מורשה אלא מאורסה ובחופה הוא יחוד שכינתו במקדש עמנו וכמו שדרשו ביום חתונתו זה מתן תורה וביום שמחת לבו זה יום שנתחנך המשכן, ודו"ק.

15 עי"ש בהקדמה (אות ג') שחולק על דברי המהרש"א וז"ל: גם בענין החופה והנישואין נחלקו המפרשים יש אומרים שהיה על ידי שכפה עליהם ההר כגיגית וכמו שכתבנו בחידושי כתובות דף ז' ע"ב שזה מה שאמרו חז"ל שאמרו האומות כלום כפית עלינו הר כגיגית עיין שם. ומהרש"א ז"ל כתב שם דהחופה הי' על ידי ייחוד השכינה במשכן. ולכאורה נראה דעל כרחך היו הנשואין בכפיית הר סיני שהרי אמרו חז"ל בפרשת כי תשא בפסוק וישק את בני ישראל שנתכוון לבודקן כסוטות ואם נימא שלא היו הנשואין עד ייחוד המשכן הא קיי"ל דארוסות לא שותות כדאיתא לקמן דף כ"ז ע"ב תחת אישך אמר רחמנא, וכו'. עי"ש כל הענין באריכות.

16 נידון זה דטלי קידושיך מעל גבי קרקע יש אריכות באחרונים, דאיתא במסכת גיטין (כד.), אמר רבא, טלי גיטך מעל גבי קרקע לא אמר כלום (דבעינן ונתן) עיי"ש, ובמקדש אשה ואומר לה טלי קידושיך מעל גבי קרקע אם הוי קידושין, איתא בשו"ע אבהע"ז (סי' כ"ז ס"א), בכסף כיצד, נותן לה בפני שנים פרוטה או שוה פרוטה ואומר לה הרי את מקודשת לי בזה, וכתב הבית שמואל (סק"ג) ואם אמר טלי קידושיך מעל גבי קרקע הרי זה ספק קידושין (תשובה רש"ד), ולהלן (סי' ל' סק"א) כתב הבית שמואל וז"ל, ואם אמר טלי קידושיך מעל גבי קרקע כתב בתשובת רש"ך סי' קנ"ב דהוי ספק קידושין, ולא דמי לפקדון שהיה כבר בידה ועכשיו מקדש אותה בו דהוי קידושין אע"ג דעכשיו לא נתן לה כלום, דשם בתחלה נתן לה ובנתינה בא לידה עכ"ל עיי"ש, והמשנה למלך בהל' אישות (פ"ג-ה"א) ד"ה ונותן לה בפני עדים כתב וז"ל, בדין טלי גיטך מעל גבי קרקע אי מדמינן קידושין לגט, עיין בתשובת מהרשד"ם (סי' ע"ו) דנראה דספוקי מספקא ליה, אבל בסימן כ"ד כתב דלא דמו קידושין לגט עיי"ש.

ועיין שו"ת מהריב"ל (חלק ב סימן לג), אבני מילואים (סימן ל ס"ק א), קהלת יעקב (מבעל נתיבות המשפט שפ סעיף א), ס' גרש ירחים (גיטין פח:) ובס' שיטה לא נודע למי (קידושין ח ב) משמע כדבריו, ע"ש.

**דומ"ץ קרית יואל:** יא, ס'איז א שאלה, דער בית שמואל (אהע"ז סי' ל' סק"ג), ער זאגט אז ביי טלי גיטך איז דאך נישט גוט, איז א שאלה צי ביי טלי קידושיך איז אויך אזוי.

**רבינו:** קומט אויס, אויב דאס איז געווען קידושין, דארף מען וויסן, ווייל מ'האט דאך נישט איבער געגעבן, נאר מ'האט עס אליינס גענומען, די ביזת הים, איז עס ווי טלי קידושיך על גבי קרקע.

דער חתם סופר איז מחמיר אז ביי קידושין ניצט עס אויך נישט, אזוי ווי ביי גט,[17] אנדערע זענען מסופק.

עכ"פ, אזוי האב איך אמאל אריין געטראכט, אויב די ביזת הים זאל זיין די כסף הקידושין.

**דומ"ץ קרית יואל:** מ'שמועסט אויך פארוואס דער נוסח הברכה איז 'על ידי חופה וקידושין', חופה איז דען געווען קודם? קודם איז געווען קידושין, מ'שמועסט ארום פון דעם, רבי אפרים זלמן אין די הקדמה.[18]

**רבינו:** בפשטות איז ווייל מ'מאכט דאס היינט צוזאמען, איז היינט גייט מען דאך קודם אריין אין די חופה, און נאכדעם איז די קידושין.

**דומ"ץ קרית יואל:** דער בית אפרים זאגט דארט, ווייל מ'האט צובראכן די לוחות איז געווארן נידונו כפנויה, די קידושין איז שוין נישט געווען, אבער דער כפה עליהם הר כגיגית איז נאך געווען, ווענן דעם זאגט מען חופה וקידושין, אזוי וויל ער זאגן דארט.

**וקרא רבינו בפנים הספר בשו"ת בית אפרים הנ"ל:** "ואחר כך אמר תורה צוה לנו משה מורשה דהיינו מאורסה שהיה דוגמת אירוסין שהקידושין ראשונים נתבטלו על ידי שבירת הלוחות הראשונות ושב שנית לקדשם ע"י משה רבינו ציר נאמן בקבלת התורה ובלוחות שניות הרי שתחלה אמר ישא מדברותיך שהוא ענין הנשואין ושוב חזר לענין אירוסין תורה צוה לנו משה מאורס"ה ועד"ז תיקנו גם כן בנוסח הברכה על ידי חופה וקידושין שבאמת שכך עלה הענין שקדמה החופה תחלה, ומ"מ אנן שפיר עבדינן לקדש תחלה קודם החופה לפי המחשבה שעלה לפניו יתברך להקדים הקידושין תחלה כדכתיב כל קדושיו בידך".

**רבינו:** ער ברענגט דארט אין אנפאנג פונעם ר"ן אז חופה וקידושין מיינט מען 'חופה בקידושין' ער ברענגט דעם ספר העיטור אז דער עיקר נוסח איז געווען 'על ידי חופה בקידושין'.

**דומ"ץ קרית יואל:** אבער דאס וואס ער זאגט אז ס'איז בטל געווארן, איז עפעס א מורא'דיגע זאך, קומט אויס אז די חופה איז געווען פאר די קידושין.

**רבינו:** חופה קונה איז דאך נאר נאך די קידושין.

אסאך מנהגים פון א חתונה איז פונעם מעמד הנבחר, דאס אז מ'דארף שטיין ביי א חופה איז פון 'ויתיצבו בתחתית ההר',[19] אזוי איז ביי א חופה אויך.[20]

---

17 ע' בשו"ת חתם סופר אבהע"ז ח"א (סי' פ"ב) במה שכתב, וז"ל, ועוד יש לבטל הני קידושין כיון שכבר היה בידה בתורת סבלונות ולא בא עתה להשקיע בידה לעולם והו"ל טלי קידושיך מעל גבי קרקע ואינה מקודשת, וראיתי בב"ש (ריש סי' ל' פ"ג מאישות סוף ה"א) מייתי דהרש"ך ורשד"ם מסופקים בזה, וספרן של צדיקים אלו אינם תחת ידי כעת וספיקי דהני גברא רבא לא גריסנא, ואנא מתניתא ידענא מהרי"ל בתשובה (סי' ע"ח), באשה שחטפה מעות מאיש ואמר התקדשי לי בו היה פשוט בעיניו דאינה מקודשת משום דהו"ל טלי קידושין מע"ג קרקע, וכתב דמקרא ומגמרא ומסברא דאינה מקודשת, ולא דמי למקדשה בפקדון שיש לו בידה, וממילא לא שבקינן פשיטות מהרי"ל מפני ספיקא דגאונים אחרונים אלו שלא ראו דברי מהרי"ל ואילו ראוהו הדרי בהו, וראייתו מקרא הא פשיט דאיתקש הויה ליציאה עיי"ש.

18 וז"ל שו"ת בית אפרים אבעה"ז בהקדמה: "אמר אפרים דבר זה נשאל לחכמים בנוסח הברכה שתיקנו חז"ל בברכת אירוסין והתיר לנו הנשואות לנו על ידי חופה וקידושין, שלמה שינו הסדר והקדימו חופה לקידושין, אם נפשך לומר בשביל חתימת הברכה ברוך אתה ה' מקדש עמו ישראל על ידי חופה וקידושין, היא גופא קשיא למה הקדימו ואין לומר שקדושת עמו ישראל היה על דרך זה שקדמו החופה תחלה ואח"כ הקידושין זו קשה מן הראשונה, חדא דהיכא אשכחן הכי, ולכשתמצא לומר שכן היה הלא יפלא למה נשתנו סדרי יוצר בראשית בקדשו את עמו ישראל אחר שהושיבם באפריון", עיי"ש מה שמאריך לבאר בדרך אגדה.

19 ע' בשו"ת האלף לך שלמה מהגר"ש קלוגער ז"ל (אבהע"ז סי' קט"ו) וזל"ק: הנה מצאתי בתיקוני זוהר (תיקון י') שכל העולם חייבין לעמוד עם החתן והכלה כשמברכין שבע ברכות תחת החופה עיי"ש ואסור להם לישב בשעת הברכות, ובודאי ראוי לחוש לדבריו דברי אלקים חיים, עכל"ק.

20 כ"כ התשב"ץ [קטן] (סוף ס' תס"ז) דכל המנהגים של חתן וכלה אנו למדים ממתן תורה, שהשם יתברך היה מראה עצמו כחתן כביכול נגד הכלה שהם ישראל.

ועפי"ז דיבר בקדשו מרן רבינו שליט"א (במסיבת שבע ברכות של בנו הגה"צ רבי יואל שליט"א יום ב' נח שנת תשס"ג בוויליאמסבורג) מה ששמע פע"א מאביו כ"ק מרן רבינו בעל משה ז"ל תחת אחד השיחים מקדושת עבודתו של א"ז מרן הדברי חיים ז"ל, שפעם אחת דיבר הדברי חיים אודות ימי נעוריו בעת שהסתופף בצל רבותיו הקדושים מצוקי ארץ, ואמר כי שמחת נישואין בחודש אלול היה משמש כהכנה דרבה לימים הנוראים, ובשעת החופה רעדה אחזתנו עד כי לא הרהבנו עוז בנפשינו לישא עינים לראות זה את זה מגודל הפחד, עכדה"ק. והנה מבואר במפרשים (עיין הפלאה כתובות ז: ובהקדמה לספר המקנה עמ"ס קידושין) שמה שכפה הקב"ה על ישראל את ההר במתן תורה בזה הכניסן הקב"ה לחופה. ומעתה י"ל כי בכל חופה נמשך למטה השפעות מעין חופה העליונה שהיתה בעת מעמד

**הגר"ש:** זיי דערציילן אז דער בריסקער רב, רבי וועלוועלע, ס'איז געווען דארט איינער א צובראכענער איד און קינדער זענען אים נאכגעלאפן אהער און אהין, האט ער [הגרי"ז] זיך אויסגעדרייט און געזאגט פאר איינעם פון זיי, קום אהער דיך וועל איך פרעגן א קשיא... ביי משה רבינו שטייט ער איז אראפ געקומען מיט די לוחות, און ער האט געזעהן אז די אידן האבן געמאכט דעם עגל האט ער צובראכן די לוחות. וואו זענען געווען נאכדעם די שברי לוחות? ס'איז געלעגן אין ארון. האט ער געפרעגט פארוואס פאר'ן חורבן בית המקדש ווען די אידן האבן געדינט עבודה זרה איז דאס בית המקדש חרוב געווארן, מ'האט ווען געדארפט נעמען די לוחות און עס צוברעכן, אויב דאס איז א דין אז ווען אידן דינען עבודה זרה דארף מען צוברעכן די לוחות. ווערסטו זאגן אז דאס איז נאר ביי די לוחות הראשונות און נישט די לוחות שניות דאס האט מען נישט געדארפט צוברעכן, אבער מ'האט דאך געהאט די שברי לוחות אינעם ארון, וואלט מען דאס געדארפט נאכאמאל צוברעכן יעצט. אלא מאי זאגט ער, א צובראכענע זאך צוברעכט מען נישט מער, איז וואס ווילט עטץ פון אים... א צובראכענע זאך צוברעכט מען נישט...

**רבינו:** כ'האב אמאל געזאגט אויף דעם ענין וואס משה רבינו האט צובראכן די לוחות, אז עס שטייט פון אר"י הק' אויף די משנה (אבות פ"ב מ"א) וכל מעשיך בספר נכתבין, אז אלעס וואס א איד טוהט, מצוות און עבירות, ווערט אריינגעשריבן אין די ספר תורה,[21] און אז ס'איז דא שווערע עבירות, ווערט די ספר תורה שוועך, איז פון די כובד העוונות איז עס געווארן זייער שווער, אז ער האט נישט געקענט האלטן די לוחות, במילא האט ער אראפגעלאזט.

דער קול ארי' (בדרשה לליל כל נדרי) ברענגט אראפ דעם אר"י הק'.[22]

איך האט אמאל געטייטשט מיט דעם, מ'זאגט אין די תפילות די הייליגע טעג, אבינו מלכינו כתבינו בספר זכיות, וואס פאר א בקשה איז דאס כתבינו בספר זכיות אדער האט מען זכיות אדער נישט. נאר מ'בעט דעם אויבערשטן, אבינו מלכינו כתבינו ב'ספר', שרייב אריין אין די ספר תורה, מיינע זכיות.

**דומ"ץ קרית יואל:** דאס וואס דער רבי האט יעצט געזאגט וועגן טלי קידושיך על גבי קרקע איז שוין געדרוקט?

**רבינו:** ניין. אבער ס'איז א גוטע קשיא.

**דומ"ץ קרית יואל:** יא, דאס איז טאמער די קידושין איז געווען ביזת הים, אבער טאמער איז די קידושין געווען ביזת מצרים האט מען עס דאך געגעבן, קען מען דן זיין.

**רבינו:** ס'איז א שליח, מ'קען דן זיין ווער האט עס געגעבן.

**דומ"ץ קרית יואל:** יא, דאס איז אויך א שאלה ווער ס'איז געווען דער שליח.

**הגר"ש:** דאס שטייט נישט אין חז"ל אז די קידושין איז געווען ביזת מצרים צי ביזת הים?

**רבינו:** ניין, ס'איז נישט קיין מדרש אויך נישט, דאס ווערט נאר געברענגט אזוי אין ספרי דרוש.

דער ייטב לב רעדט ארום דערפון.

אין בעל הטורים די וואך [פ' יתרו], דארט שטייט יא אז ביזת 'מצרים' איז געווען כסף קידושין.[23]

דער הפלאה אין ספר המקנה אין די פתיחה (למסכת קידושין) האט א גאנצע שמועס אין דעם.[24]

---

הנבחר, ובכן בעת מעמד החופה למטה מתעורר לכל איש ירא ה' ובר לבב פחד גדול מהיראה העליונה שהיתה בעת מעמד הנבחר כמ"ש (שמות יט טז) ויחרד כל העם אשר במחנה, ובעיקר נמשך בחינת יראה להחתן עצמו בשעת החופה, ועל כן בעת משוש בשמחת הנישואין צריכין לשמחו ולעודדו. ולכך כל המשמח את החתן זוכה לתורה שניתנה בחמשה קולות, כי מאחר שהוא יודע ומבין ענין היראה והפחד שבא על החתן מהשפעת מעמד הנבחר, על כן ראוי הוא לזכות לתורה, שיתעורר עליו השפעת נתינת התורה שהיתה בחמשה קולות ומכח זו היתה יראה גדולה, כי כן נאמר ויהי קולות וברקים וענן כבד על ההר וקול שופר חזק מאוד ויחרד כל העם אשר במחנה.

21 ועי' בספר עשרה מאמרות להרמ"ע מפאנו ז"ל (הקו"ד ח"א פ"ג) שהאדם בחטאו פוגם באותיות התורה הקדושה, ועיין עוד בשיח יצחק (ח"א דרוש לשבת בראשית, ובח"ב ליקוטים).

22 הגה"ק בעל קול אריה ז"ל בהוציאו הספר תורה בליל כל נדרי, היה רגיל על לשונו דברי האריה"ק הנ"ל, ופירש בזה מה שאמר משה רבינו אחר חטא העגל (שמות לב, לב) ועתה אם תשא חטאתם ואם אין מחני נא מספרך אשר כתבת, שהן אם תשא חטאתם אם אין, על כל פנים אבקשך ה' מחני נא מספרך, שלא יהיה נרשם עוד החטא באותיות התורה, ואל יפעל עוד מעשינו לפגום אל התורה הקדושה, עכ"ד.

23 עי' בבעל הטורים פ' יתרו (שמות יט, ד), עה"פ ואביא אתכם אלי, וז"ל: "מה אשה נקנית בכסף ובשטר ובביאה אף ישראל כן, בכסף זו ביזת מצרים, בשטר זו התורה שנאמר תורה צוה לנו משה מורשה אל תקרי מורשה אלא מאורשה, בביאה זהו שנא' ואפרוש כנפי עליך וגו' ואבא בברית אתך לכן אמר הושע ג"פ וארשתיך לי. ואביא בגימטריה בביאה.

24 עי"ש בהקדמה (אות א') מה שמבאר באריכות, וז"ל: אמנם בענין החופה והקדושין נחלקו המפרשים יש אומרים שהקדושין היו במה שהוציאנו מכור הברזל ברכוש גדול כאמור תורי זהב נעשה לך עם נקודות כסף דהיינו ביזת מצרים וביזת הים כפירוש רש"י וכאשר אמר השי"ת

*

ס'איז דאך א שבע ברכות דא, כ'האב געהערט אמאל א ווערטל אויף קשה זיווגו של אדם כקריעת ים סוף, ווייל נחשון בן עמינדב איז אריין געשפרינגען, און ווען ס'איז געקומען די וואסער ביז זיין קאפ האט זיך דער ים געשפאלטן, ווען ער בייגט זיך אראפ דעם קאפ וואלט זיך עם גראד געשפאלטן, ביי א שידוך אויך, אז מ'בייגט זיך גראד דעם קאפ גייט עס אויך גרינגער.

**הגר"ש:** יא, ס'שטייט אזוי אין פסוק (משלי כז, יט) כמים הפנים לפנים כן לב האדם לאדם, די גמרא זאגט אויף דעם (תענית ז.) מה מים הולכים ממקום גבוה למקום נמוך, וואסער גייט אויף אראפ, אז דו ווערסט דיך אראפ בייגן אזוי צו יענעם, דעמאלטס וועט זיין לב האדם לאדם.

**רבינו:** אזוי זאגט מען נאך פון צדיקים, אז פאר דעם שטייט כ'מים' הפנים לפנים נישט כ'מראה' הפנים, ווייל ער דארף זיך משפיל זיין ס'זאל קענען זיין לב האדם לאדם.[25]

דאס איז ווי די גמרא אין יבמות (סג.), נחית דרגא ונסיב איתתא...

**ויצא רבינו במחול לצדיקים עם החתן והמחותנים**

**ונפרד רבינו מהם ברב ברכות**

**ולחיבת הקודש נעתיק כאן הדברות קודש שהשמיע כ"ק מרן רבינו שליט"א בסע"ג פר' יתרו תשע"ח לפ"ק אשר עליה נסוב השיחה**

**ויספר** משה לחותנו את כל אשר עשה ה' לפרעה ולמצרים על אודות ישראל את כל התלאה אשר מצאתם בדרך ויצילם ה'. והקשו המפרשים לאיזה צורך סיפר משה את כל התלאה אשר מצאתם בדרך, הלא כבר כתיב למעלה וישמע יתרו את כל אשר עשה ה' לישראל, ומה הוסיף משה רבינו במה שסיפר ליתרו.

**ויתבאר** על פי מה שאמרו חז"ל (סוכה נב:) יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום ואלמלא הקב"ה עוזרו אינו יכול לו. ואסברא לן א"ז זללה"ה בייטב פנים (הוד והדר אות יט) הענין על פי חוקי התורה, שיש מצות פריקה לפרוק המשא מעל חבירו או בהמתו, ומצות טעינה להקים המשא עמו, כמו כן הקב"ה שומר תורתו, ואם האדם בא לטהר עצמו מזוהמת יצר הרע, הקב"ה עוזרו ופורק מעליו משא יצר הרע וחיילותיו, וכמו כן ממלא רצונו וטוען עמו משא מצות ומעשים טובים, כי אי אפשר בלעדו כי הכל מידו, עכ"ד. אך כתב בייטב לב (פ' תצא) דכמו במצות פריקה וטעינה כתיב (שמות כג ה) עזוב תעזוב עמו, (דברים כב ד) הקם תקם עמו, ופירש"י עם בעליו, אבל אם הלך וישב לו מנגד ואמר לו אם רצונך לטעון או לפרוק טעון או פרוק פטור. כך אם האדם טוען או פורק אז כביכול מחויב לצאת עמו לטעון עול מלכות עלינו, ולפרוק מעלינו עול היצה"ר, מה שאין כן אם האדם אינו טוען עליו עול מלכותו יתברך, אז כביכול הוא יושב לו מנגד, עכ"ד. ומעתה אם האדם עושה כל מה שבידו ללחום עם היצר הרע, הקב"ה מקיים עזוב תעזוב עמו, ואף שהוא למעלה מכוחות אנושי להתגבר על היצר, הקב"ה עוזרו שיוכל לו להתגבר על הנסיונות הקשות. (ועיין באור החיים הקדוש פ' תצא).

**והנה** מה שמוטל על האדם לעשות שיהיה בכלל עזוב תעזוב עמ"ו ויזכה לסייעתא דשמיא, היינו שיהיה לו רצון לעבוד את ה', וכמו שהביא א"ז זללה"ה בתפלה למשה (מזמור מב) בשם הנועם אלימלך (הובא במאור ושמש א' דסוכות) על הפסוק (תהלים קיח יט) פתחו לי שערי צדק וכו' זה השער וכו', דהנה משלנו הוא רק השתוקקות, אבל הענין של העבודות הוא רק בסייעתא דשמיא, כי השתוקקות באמת בכל לבו הוא הבא לטהר, ואחר שבא לטהר כבר אמרו רבותינו ז"ל (יומא לח:) הבא לטהר מסייעין לו. וכתב שם עוד,

---

בתחילת הגלות כבודו יתברך למשה רבינו ע"ה בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלוהים על ההר הזה. ויש אומרים שהקדושין היו בלוחות הברית במעמד הר סיני כמו שדרשו חז"ל בלשון הכתוב בלוחות ראשונות אשר שברת יישר כחך ששברת שעשאן כפנויה. ונראה ששניהם אמת וכו', ע"ש כל הענין.

25 עיי' בס' משנה שכיר (פר' קדושים) וז"ל: שמעתי היום בשמא דרבינו רב שר שלום קדוש אלקי מבעלז פשט במדרש ואהבת לרעך כמוך, את הטפל לרעך, ואמר רבינו דהנה שלמה המלך ע"ה אמר (משלי כ יט) כמים הפנים לפנים כן לב האדם לאדם, ולכאורה קשה למה נקט דוקא מים, הלא הי' יכול לומר כמראה הפנים לפנים, ואם תאמר דבימי שלמה עוד לא היה מראה, הלא היו עוד בימי הנשיאים מראות הצובאות.

רק מפני כשאדם עומד אצל מראה רואה רק כל מעלותיו ורואה עצמו לאדם המעלה, וזה יגרום לו שלא ישפיל ולא יכניע עצמו אצל חברו, וממילא באופן זה לא יכול להיות אהבה אמיתית בינו ובין חבירו, אבל כשאדם רואה עצמו במים מוכרח להשפיל קומתו תחלה, נמצא דיראה עצמו מתוך ההשפלה והכנעה, ואז כשישפיל עצמו נגד חברו יראה חסרונות שלו ומעלותיו של חברו, ובאופן זה ישתלם האהבה בינו ובין חברו. וזש"ה כמים הפנים לפנים כן לב האדם לאדם, כמו אצל מים בא הראיה ע"י שפלות, כן מוכרח לבא האהבה וידידות ע"י שפלות שמשפיל עצמו לחברו. והנה אותיות שניות שלאחר תיבת רעך הן שי"ן פ"א למ"ד שהן שפל, וזש"ה ואהבת לרעך כמוך את הטפל לרעך, עכ"ד ודפח"ח.

ועיי' בס' י"ג אורות שמביא בשמו הק' כעי"ז.